י. מארגאלין

K 3175

# ערד

(פראגמענטן פון א פאעמע)

6173.

אויסגאבע „פאלעספעטשאט“,
האמעל 1925

Ʒ584

Р. П. Б.
1925.

י. מארגאלין

Евр.
K3175

# ערד

פראגמענטן פון אַ פּאָעמע

אויסגאבע „פּאָלעספּעטשאַט“, האָמעל
1925

6173

1.

ס׳איז מוישקע א יאטל א וואוילער,
און ס׳גייט אים דאס 18-טע יאר:
ער נייט בא אַ שניידער קעסיידער
און קאָן שוין גוט מאכן אַ פּאר.
נאר האט ער א פּאנים אַ בלייכן,
און פילט ער אַ ווייטאק אין ברוסט;
עס טוט נאר אַ בלאז וואו אַ ווינטל —
מוישקע ער קרעכצעט און הוסט.
געענדיקט די אַרבעט — דאס געסל
פאַרהילט אין אַ גראָ-שוואַרצער טוך:
מוישקע ער זעצט זיךביים פענסטער
און לייענט זיך לאנגזאם א בוך...
לייענט און טראכט — ווי א קייווער
איז עפּעס דאס שטעטעלע שטיל,
אין געסל — נאָר הונגעריק הינטל
בלאנקעט אַרום אָן א ציל.

1824

Гулбит. № 1653.
Зак. № 4928. — 1000 экз.
«П·леспечать», Гомель.

II.

וי אַ ווילדע כאַיע רעוועט גרויסע שטאָט,
פליען אווטאָבוסן, רייסן אוף די לופט:
ברעכן פערד דעם ברוקשטיין, קלאַפּן מיט די פיס,
ס׳לעבט די גאַס מיט אימפּעט, פליט און שרייט און רופט.
— צייטונג, גיכער צייטונג! גאָר די לעצטע נייס!
איבער הייזער הייִנגען פאַנען בלוטיק-רויט;
איבער גאַסן שפּאַנען פּיאַנערן פּיל, —
ערגעץ וואו מע קלייבט זיך, ערגעץ וואו מע גייט.
ווערט ער ווי צעטומלט מוישקע און ער קוקט. —
דרייט זיך איבער גאַסן ביז ער ווערט שוין מאַט.
— ווייסט ניט, בעסטער כאַווער, וואו איז דאָ קאָמיוג?
— גיי זיך לינקס און רעכטס נעם, דאָרט אין שטוב
פון ראַט

III.

א יאַט פון פּראָווינץ מיט א פּאַנים אַבלייכן,
א יאַט און פאַרטראַכט און גאָר אָן אַ שמייכל.
ווי קומט עס אַ כאַוועր, פון וואַנען, פון ווען?
און זאָל ער דערציילן, וואָס דאָרט איז געשען.
פאַרייכערט דער אוילאַם און מוישקע דערציילט,
פון פּראַטים נאָך פּראַטים, ווי איינער געלט ציילט.

באטראכט מוישקע גוט אָט דאס שטעטל,
צעפאלענע כורווע ניט מער,
ס׳קלאפּט ניט קיין האַמער אין קוזנע,
אָן ארבעט איז נאָדל און שער.
די קרעמלאך זיי זיינען פארשלאָסן,
געשעפטן — זייִ שטייען פארמאכט:
אידלאַך געהויקערט אין דרייען,
און פּאנים איז שווארץ און פארטראכט.
זאגט מוישקע צו זיינעם אַ כאווער:
— מארגן גאנץ פרי — און אין צוג!
מע קען שוין דאס מער ניט דערלאזן,
מע מוז עס דערציילן קאמיוג.
מע מוז דא געפינען א מיטל:
דאס שטעטל עס גויסעט און טויט;
יאַטן — זיי האָבן קיין ארבעט,
כאווײרים דאָך זיצן אָן ברויט.
זאל ארבעט געפינען זיך שנעלער,
זאל נעמען אנ׳אנטייל קאמיוג!
מארגן איך פרעג זיך בא קיינעם,
מארגן גאנץ פרי — און אין צוג...

---

V.

בארג ארוף בארג אראָפּ און וועג דארט עס דרייט זיך,
און פערדל אין וואָגן שלעפּט מאסע און גייט זיך:
און ס׳גייט נאך א אידל און טרייבט אָן דאָס פערדל,
און טשמאָקעט מיט ליפּן און שאָקלט מיט בערדל.
— גוט מארגן, רעב פּעטער, וואוהין און פון וואנען,
און וואָס דארט אין וועגל בא אייך איז פאראנען?
טוט אידל אַ שמייכל מיט וואָנסן און אויגן;
— גוט מארגן, גוט יאר אייך, און טוט זיך פארנייגן.
איך קום פון דערווייטנס פון סאמע צוקערניע,
א שטעטל א געניץ אין האמלער גובערניע.
בעוון דארט, ווער מיינט איר, ניט האט קיין פאריבל.
א באטלען, א שלעפּער, א שאמעס אין שטיבל...
און דא אַף דער עלטער, כ׳זע אידעלאך פארן,
האָט הארץ זיך פארביינקט שטארק נאך וויַיץ און נאך קארן.
האט עפּעס געגעבן אַ צי אַף דער עלטער,
פון ארעמער שטעטל צו לאנקעס און פעלדער.
צי האב איך כאראָטע, כאלילע, וואס רעדט איר?
אַ זעלכענע פעלדער, א הימל, א וועטער!

און ערנסט איז יעדער, און יעדער פארשטייט:
דאס שטעטל איז כאָרעוו און לעבּט אין גרויס נויט,
געענדיקט דערציילן נעמט לייבּקע אַ וואָרט,
אַ בּאָכער אַ שוסטער — און שטייט אוף פון ארט:
— די אלטע פּאַרנאָסעס זיי האָבּן קיין ווערט!
כאַווײרים, דאס שטעטל בּאקומען מוז ערד.
פון ס׳ניי מוז דאס שטעטל יעצט ווערן געבּויט,
זאל ערד זיין געאקערט און געבּן זאָל בּרויט!

---

IV.

— זאָל פויסטן זיך שטארקער פארשליסן,
און רוקן זאל ווערן געגלייכט!
כאווײרים, איך קום אייך בּאגריסן,
מע טיילט אונז איין ערד זייער לייכט.
ווערט פריילאַך און לעבּט אוף דאס שטעטל,
און ליכטיקער ווערן די טעג:
דער אוילאם ער רייסט זיך צו ארבּעט,
דער אוילאם ער גרייט זיך אין וועג.
און מוישקע עס לייכט אים דער פּאָנים,
און גרייט זיך אויך פארן אין קרים:
און איידער זיך זעצן אין פּאָיעזד
בּאקומט ער א צייכן פון „קים״.

---

עס מערן זיך שורעס נאָך שורעס,
און טראַקטאָר ער ווערט אַלץ ניט מיד;
נאָך טראַקטאָר שפּאַנט שאַמעס און זינגט זיך
אַנ׳אַרבעטער ליד.

---

VI.

אַ גליק האָט באַשערט אונזער פֿריידקען דער שוואַרצער,
דער מיידל דער שלאַנקער מיט צוויי לאַנגע צעפּ:
ס׳האָט דזשאַינט אין קאָמונע אַ קו אַ האָלאַנדקע
פֿון ערגעץ פֿון ווייטן געבראַכט אין פאַרנאַכט·
האָט כעוורע גלייך גוירל געוואָרפֿן ביים פייער,
ווער קו זאָל אָפּפּאַסטוך פֿון מאָרגן אָן זיין —
איז גוירל געפֿאַלן אויף פֿריידקען דער שוואַרצער,
מיט פּאָנים פֿאַרברוינטן און אויגן פֿון טרוים.
האָט פֿריידקע אַ פּייפל געמאַכט פֿון אַ ווערבע,
פֿון זייד פֿון אַ שנור זיך געפלאָכטן אַ בייטש,
געוואָרן אַ כאַווער מיט הונט דעם קודלאַטן,
אין דרייען באַגינען אַוועק אָפֿן פעלד.
האָט פֿריידקע די קו ליב אַ צערטליכע ליב׳ן,
און פיטערט זי אויס אויף די טוי פייכטע גראָז;
און מיידלאַך אַ סאַך זיינען פֿריידקען מעקאַנע —
באַשערט איר אַ גליק...

---

היינט האט עס א אידל א פערד מיט א וואגן!
האט ווען דאס א שאמעס געטאן גאר פארמאגן.
א זעלכע נאכלאעס? איך גלויב בעעמונע,
עס נעמען זיך יאטן און ס׳ווערט א קאמונע..

* * *

און נעכטיקער שאמעס גלייכט אויס זיינע פלייצעס,
א פאָך מיטן בייטש און א צי מיט די לייצעס.
— וואס שטיי איך? אגוטן, כ׳מוז דאך גלייך פארן,
ס׳וואַרטן כאוויירים שוין לאנג אף די קארן:
מארגן באגינען און אלע מיר גייען
די זאפטיקע פעלדער מיט קארן פארזייען...

---

VI.

טוט טראקטאר א שפאן איבער פעלדער,
און רעדער זיי זינגען א ליד;
נאך טראקטאר עס גייט און עס פרייט זיך
א בארוועסער איד.

זאל ערגעץ וואו לאכן א סוינע,
און מיינען ס׳איז מער ניט א שפיל:
מיר אקערן פעלדער מיט סימכע
און גייען צום ציל...

VIII.

מיט וואָס כאפט מען פיש אין דעם טייכל?
זאגט מוישקע: מע דארף מיט אַ ווענטקע;
זאל שארף זיין און בויגיק און שפּיציק,
און פערדישע האר דין געשפּונען.
נעמט מען אַ קעסטעלע ווערים אין שטילע
פארנאכטן
און קלאָרע,
ווען ס׳טייכל איז רואיק און שפּילט זיך
מיט לעצטע גינגאָלדענע שטראלן.
זעצט מען זיך שטיל אפן ברעג אויס,
און ווענטקע אין וואסער פארשליידערט.
און נארעשע פישעלאך קומען
און טשעפּען זיך אָן אַף דער ווענטקע.
צעלאכט זיך עס שלוימע דער גרויסער,
א באָכער פון דרייסיק און העכער,
מיט שטראַליקע אויגן ווי בליצן און פלינקע באוועגונג.
— מוישקע, וואס דרייסטו אַ ספּאָדעק, כ׳לעבן ניטא ווער זאל לאַכן.
אַ ווענטקע, וואס קאן שוין דארט פאנגען!
און זיצן ביים טייכל און ווארטן
ביז נארעשע פיש וועלן קומען...

VII.

גרינע פעלדער, הויכע זאנגען.
זינגען פויגלאך, קלינגען קלאנגען:
טראלא-לא-לא קלינגען קלאנגען;
היי, עס וואקסן גאלדן - זאנגען!..

וועלן זאנגען ווערן גרעסער,
וועלן קומען יונגע דרעשער;
יונגע דרעשער, ניי - געבארן,
וועלן בינדן גארבן קארן.

גארבן קאָרן, שטיקער פייער,
וועלן לויכטן בא דעם שייער;
ברייננגען וועט אַ דאָר א נייער
אָט די זאנגען באַ דעם שייער.

גרינע פעלדער, הויכע זאנגען,
זיינען מיידלאך דארט געגאנגען,
האָבן באכערים געפונען
ביי א קוואל און ביי א ברונען.

---

X.

עס באקט די זון; ס׳איז הייס, עס ברענט.
און שטראלן גאלדענע, ווי שפּיזן גליענדע
צעשנייט די לופט.
נאָר היינט איז שניט, אין פעלד ארויס
איז שנייד-מאשין און אלט און יונג,
מיט אָפן ברוסט, מיט הילכיק ליד,
ארויס אין פעלד און סערפּ אין האנט.
די זון עס ברענט, און פלינקער סערפּ,
ווי זילבער שלאַנג צעשפּאלט די לופט.
און זאנג נאך זאנג, און גאַרב נאך גאַרב,
ווי לויטער גאלד עס בלאנקט אַף פעלד.
ניט קראָם און קלייט, ארשין און פונט,
נאָר שנייד-מאשין און גאלדן-גאַרב!..
ניט ענגע גאס און קליינע שטוב,
נאר פרייע פעלד און הימל-בלא.
און נייע ערד און שטארקער מוט
פילט אָן דאס הארץ, מאכט רייך דאס בלוט.

---

אויב פיש — איז אָן קונצן! טאָ זיי זיך מאטריאך
און קריך ביזן האלז אין דאָס וואסער
מיט נעץ און מיט שיפל.
און באכערים צוויי רעדן אָפּעט מארגן באגינען,
באגינען,
נאָך איידער די זון אף די בערג וועט
מיט שטראַליקע פינגער זיך טשעפען.
און לופט וועט נאָך וויים זיין און פייכטלאך,
און גראָז וועט זיך וואשן אין טויען, —
מארגן באגינען און ביידע צום סאַזשעלקע זאלן זיי
קומען
און פאנגען דארט פיש ביז נאָך מיטאָג...

---

IX.

און הימל-בלאָ און פורפור רויט.
דער טאָג פארגייט, דער טאג פארגייט.

און ערגעץ וואו א פויגל שרייט,
אין ערגעץ ווייט, אין ערגעץ ווייט...

און קארן פעלד זי שטייט און טראכט,
אוו ס׳קומט אָן נאכט, און ס׳קומט אָן נאכט.

און רואיק ווערט דארט מיט אַ מאל,
אַף בארג און טאָל׳ אַף בארג און טאָל...

יעצט שטייען שוין שפייכלערס מיט טוואוּע געלאדן,
און אלע מיר פילן, מיר האבן אַ באָדן...
ניט לאנג נאך געארבעט, איין זומער אריבער,
און דאך איז די ערד אונז אלץ ליבער און ליבער...
און טראכט מען פון צוקונפט — איז כעוורע גאנץ
זיכער.
כאוויירים, מע בעט — קומט צו פארן, וואס גיכער!

XI.

און זון ווען געוואָרן איז קילער און קילער,
פון יאם האט געבלאזן א ווינטל אַ שטילער.
א היילע אָן זאנגען איז פעלד שוין געשטאנען,
נאָר עפּעס פארבליבן איז נאך אַף באַשטאנען;
האט מוישקע דערמאנט זיך אָן היים אָן דער
אלטער,

גענומען פּאפּיר און א פען און אַ האלטער,
צו זיינע כאוויירים א בריוול געשריבן,
כאוויירים, וואס זיינען אין שטעטל פארבליבן:
— א זומער געארבעט, א זומער א לאנגן,
מיט ליבע באשירמט אף פעלד יעדעס זאנגל.
ס'האט הארץ זיך געשראקן — עס גייט ניט קיין
רעגן,
און ווערט דאן פארפאלן דאס לעצטע פארמעגן!
ס'האט הארץ זיך געטרייסלט — און בלייבט מען
אין מיטן,
דעם לעצטן פונק האפנונג די ערד וועט באשיטן...
נאר אלץ איז געגאנגען מע דארף גאר ניט בעסער,
ס'איז קארן געוואקסן אלץ גרעסער און גרעסער,
פון קערנער פון שווערע האט ווייץ זיך געבויגן,
פון סימכע האט שטענדיק געפינקלט די אויגן.

Евр.
K3175

פרייז 10 קאפ.